# יודישע אילוסטרירטע צייטונג

**Żydowska gazeta illustrowana. — Jüdische Illustrierte Zeitung.**

wychodzi każdego piątku. **Prenumerata wynosi**: Rocznie K. 10 — Rbs. 5 — M. 12 ·Frs 15. Półrocznie 5 K. — Rbs. 2.50 — M. 6 — Frs 7.50, kwartalnie K. 2.75 — Rbs. 1.50 — M 2.25 — Frs. 4. Pojedyn. egzemplarz 20 hal. — 10 kop. – 25 Pf. — 30 Centm. **Redakcya i Administracya** Kraków, Grodzka 62 — telefon 412 — Konto Pocztowej Kasy Oszczędności 57.341. **Ogłoszenia przyjmuje**: Biuro reklamowe i anonsów »Prinzipia« w Krakowie św. Marka 21.

Erscheint jeden Freitag. **Abonamentspreis**: jährlich K. 10. — Rbl. 5. — M. 12. — Frs 15.—halbjährlich K. 5 — Rbl 2·50 — M. 6 — Frs 7 50. — vierteljährlich K 2 75. — Rbl 1·50. — M. 2·25. — Frs 4. — Einzelne Nummer: 20 Heller — 10 Kop. — 25 Pf. — 30 Centm. **Redaktion und Administration**: Krakau, Grodzka 62. — Telephon 412. — Oester. Postsparkassen-Konto 57 341. **Inseraten-Annahme**: Reklame-Bureau »Prinzipia« Krakau, Markagasse 21.

ערשיינט יעדען פרייטאג. **אבאנאמענטס-פרייז**: יעהרליך 10 קראנען, 5 רובל. האלביעהריג 5 קראנען — 2.50 רובל. פיערטעל יעהרליך 2.75 קראנען, 1.5 רובל. — איינצעלנע נומער 20 העללער — 10 קאפ. — אין אנדערע לענדער: יעהרליך 15 פראנק, האלביעהריג 7.50. פיערטעליעהריג 4 פראנק. רעדאקציאן אונד אדמיניסטראציאן: קראקא גראדזקאגאססע 62. — טעלעפאן נו׳ 412 — עסטערר פאסטשפארק.-קאנטא נו׳ 57,341. אינזעראטען-אננאהמע: אנאנסען־ביראה „פרינציפיא״ קראקא, מארקא-גאססע 21.


## דער מבול אין פראנקרייך.



בילדער פון דער שרעקליכער איבערשוועמונג אין פאריז.

**גראטיס ביילאגע „די הבדלה״ נומער 2.**

דיעיניגע אבאנענטען, וואס זייער אבאנעמענט ענדיגט זיך מיט דיעזע נומער, בעקומען בייגעלעגט א פאסט־שעק, מיט וועלכען זיי זאלען עס תיכף ערנייערן, כדי מיר זאלען נישט זיין געצוואונגען, אויפצוהערען מיטן צושיקען פון אונזער בלאט.

•

די פ. ט. אגענטען ווערען אויפגעפאדערט, תיכף צו בעגלייכען זייערע רעכנונגען, ווייל ואנסט וועלען מיר זיי נישט מעהר צושיקען די בלעטער.

•

אונזער הויפטפערטרעטער אין רוסלאנד איז:
י. מערעצקי, ווארשא, כמיעלנא נ' 49. פיליאלע אין לאדז: פשעיאזד נ' 16.

אין רומעניען: יאזעף בארטפעלד, פאשקאני.

אין בעלגיען: ס. קאהאן, אנטווערפען.

אין אמעריקא: ש. דרוקערמאן, ניו־יארק, 50 קאנאל־סטריט.

## די אדמיניסטראציע.

---

# דאס מבול אין פראנקרייך.

...און גאט האט געשוואוירען, אז ער וועט מעהר קיין מבול ברענגען, אויף די מענשען אזוי דערצעהלט אונז דאס חומש, אבער ווי ס'ווייזט אונז, האבען זיך די



רוסישע שפיאנע אין עסטרייך: מיליטער־אטאשע קארטשאנקא.

מענשען אזוי פערזינדיגט, אז גאט האט אין זיין שבועה פערגעסען. דען דאס וואס איז איצט אין פאריז און אין די ארומיגע מקומות, קען מען נישט אנדערש אנרופען ווי נור א מבול. וויט הונדערטער יאהרען געדענקט מען נישט, עס זאל זיין אזא פערפלייצונג ווי איצט אין פראנקרייך. פון טאג צו טאג קומען אן אלץ מוראדיגערע ידיעות, וועלכע זענען קוים צו גלייבען, פון טאג צו טאג קומען אן שרעקליכע נאכריכטען, וועלכע קומען אונז פאר אזוי ווי פון יענער וועלט און עס ווילט זיך פשוט נישט גלויבען, אויב דאס, וואס מ'איז אונז מודיע, קומט פאר אין פאריז אין יענעם אָרט, וועלכער שב'ט מיט זיינע קונסט געבייידען, וועלכער איז בעקאנט מיט זיינע שוין־מיטעל.

16 טויזענד מענשען פון די ארומיגע מקומות, געפינען זיך אין פאריז און קענען נישט אהיים פאהרען. און פאריז גופא איז אבגעשניטען פון דער וועלט. אין יוצא ואין בא. מ'בריינגט נישט אריין קיין שום לעבענס־מיטעל פון די דערפער און דאריבער איז אלעס ביוקר גדול. ערער מ'איז צופריעדען, אז מ'קען בעקומען. ווייל א גרויסער טייל בעקערייען האבען איינגעשטעלט זייער ארבייט און מ'דארף זיך אנגעהען דאס געזונד, ביז מען בעקומט עפ'ס צו עסען.

ס'פערשטעהט זיך, אז אם מעהרסטען האט דאס אומגליק געטראפען די ארימע לייט. אבער אויך די רייכע האט עס דאס מאל נישט דורכגעלאזט. די זיינע האט זיך פערשפרייט כמעט אין גאנץ פאריז — פון דער אומגעגענד שמועסט מען שוין אפילו נישט. הערליכע געביידען, ווי דאס מיניסטעריום דאס לאווער־מוזעאום, דאס פאליציי געביידע וכדומה זענען פונ'ם וואסער צערשטערט און ווי באלד דאס וואסער וועט נישט אבפאלען, האט מען מורא, זיי זאלען נישט איינפאלען. די קאנאליזאציע אין שטאדט איז א סך ערטער איז געפיקעט און דאס וואסער פון די קאנאלען איז צוריק אריין אין שטאדט. די וואסערלייטונג איז צערשטערט און דאס שמוציגע וואסער האט זיך פערמישט מיט'ן ריינעם. אזוי אז מ'האט מורא, ס'זאלען נישט הערשען קיין עפידעמיען אין פראנקרייך. די באהנען פערקעהרען נישט, דאס וואסער האט א תל געמאכט פון די באהן־קאמוניקאציעס, די טראמוויי שינעס זענען פערניכטעט און די עלעקטרישע האט זיך געמוזט אבשטעלען. סקלאדעס פון נאפט זענען אין וואסער און די איינציגע בעלייכטונג אין פאריז איז לעת עתה דער גאז, אבער מ'האט מורא, אז אויך די גאז קאמוניקאציע וועט רואינירט ווערען און דעמאלט בלייבט פאריז אין דער פינסטער.

דער שענסטער פאריזער נאהן הארף א־לעאנס, איז אין גאנצען צערשטערט. דאס וואסער איז 80 צענטימעטער אויף דער שטאט און מענשען, וואס ווילען אריבערגעהען פון איין גאס אין דער אנדערער, מוזען זיך איבערשיפען. מ'שמועסט אז א סך. א סך מענשען זענען דערטרונקען געווארען, אבער ווער וועט זיך דארט היינט שטעלען ארויסנעמען ווער און וויפיעל ס'זענען אין דעם מבול א הינגעקומען. לעת עתה מוז מען די לעבענדיגע, וועלכע ס'דראהט געפאהר אריינצוטרעטען און ברענגען אויף א זיכער אָרט. דאס דייטשע קאנסולאט שטעהט אין וואסער און א סך וויכטיגע פאפירען, אין דער ארכיוו וואס האבען זיך אין די שטובער געפונען, זענען פערניכטעט געווארען, די טעלעפאן־ליניעס זענען איבערגעריסען. דער בערידמטער זאאלאגישער גארטען, וועלכער האט געשמ'ט אויף דער וועלט, איז קאליע געווארען. א סך מענשען קריבען אויף די דעכער פון זייערע הייזער און שרייען נאך הילף, אבער נישט נור אין פאריז און ארום האט די ווינע אנגעארבייט א חורבן. די טעלעגראפען און טעלעפאנען זענען צערשטערט און דעריבער קען מען נישט האבען קיין גענויע ידיעות, אבער ווי ס'הייסט זאלען אויך אנדערע גרויסע מקומות צערשטערט זיין און מענשען דערטראנקען ווערען. אזוי למשל ווייסט מען שוין, אז אין איברן, איז אויסגעבראכען א מגפה און ס'הערשט דארט א פאניק. וועלכע לאזט זיך נישט בעשרייבען דער גרויסער



די שרפה אין טירקישען פארלאמענט · דער טהראנזאל אין דעם אבגעברענטען פאלאץ



יאנינא באראווסקא בעטרייט: די אנגעקלאגטע אין איהר צעלע.



א ריעזען שטרייק פון בלוזענארבייטערינען: פרל. טאפט (רעכטס) און מאדאמע מאקיי, די הויפטשטיצע־ין פון שטרייק.

אייפעלטורעם שטעהט אין וואסער, אבער ווי מ׳מעלדט איז קיין געפאהר ער זאל צערשטערט ווערען. דאס איז נאך א גליק, ווייל ער וואלט געקענט אנארבייטען א חורבה אום גאנץ פאריז. די גראסארטיגע אלמא־בריק האט מען מיט דינאמיט צערשטערט, ווייל זי האט איפגעהאלטען דאס וואסער און מ׳האט מורא געהאט, פאר א פערפלייצונג. די איינוואהנער פון יענער זייט זענען בכן אין גאנצען אבגעשניטען פון פאריז. טויזענדער מענשען זענען געבליעבען אהן א הויז. גאנץ פאריז איז פערצוויי־פעלט. אויך אויף׳ן בולעווארד, אין ראם לעבען נישט אזוי ווי פריהער, די טעאטערע, האבען זייערע פרעמיערען לעת עתה פערשאבען.

דער שאדען איז אונגעהייער גרויס און סילאזט זיך נאך נישט אבשאצען. די רעגיערונג האט לעת עתה געשענקט צוויי מיליאן פראנק. אויך פריוואט פערזאנען האבען א היבש ביסעל געלד געשענקט. אבער רערווייל וואקסט די סכנה פון טאג צו טאג. מ׳האט מורא, דאס דאס הונגעריגע און פערצווייפעלטע פאלק, זאל נישט ווילד ווערען און אנהויבען צו ראבעווען און צו איבערפאלען די קראמען און די ששפייז־סקלאדעס. א טייל בעקער האבען געעפענט סקלאדעס און טיילען פאר די ארימע אומזיסט ברויט. נדבות ווערען געקליבען ביי יעדען איינציגען, וואס געהט נור דורך אין דער גאס.

# יאנינא באראווסקא פריי־גשפראכען.

18 טאג האט געדויערט דער פראצעס באראווסקא־לעוויצקי און 14 גאנצע טעג זענען אויסגעפילט גע־ווארען מיט די פערהאנדלונגען, צעהנדליגער עדות זענען פארגעפיהרט געווארען און אלע האבען בעהויפטעט, אז זייערע אויסזאגען זענען די ריכטיגסטע און דער הייליגער אמת. כמעט אלע האבען אויסגעזאגט אונטער א שבועה און דאך האבען מאנכע בעהויפטעט פונקט דאס גע־געגטייל ווי די אנדערע עדות...

די פערא־נטערעסירונג ביים פובליקום האט דער־גרייכט די העכסטע מדרגה; מענער און פרויען פון אלע שיכטען האבען זיך געדרענגט נעמען אין דער פערהאנדלונגס־זאאל איז ערעפענט געווארען. די פרעסע האט יעדען טאג געבראכט אויספיהרליכע לאנגע בע־ריכטע איבער אלע איינצעלהייטען אין דאס פובליקום, וואס האט מחמת ענגשאפט דעם פראצעס נישט געקענט ביישוואוינען, האט זיך דעם פראצעס געמאכט פאר׳ן אל־טעגליכען שמועס.

די שטימונג און די מיינונג האט זיך יעדעס מאל געביטען און דאמיט האבען אויך די סבר־ות פון דער מאסע אלע מאל אנגענומען אנדערע דימענסיאנען.

און נאך 18־טעגיגער גיינעריגקייט, נאך אונ־צעהליגע סיטואציאנס־ענדערונגען און נאך דעם אויס־הערען פון די שעהנע רעדען פון די אדוואקאטען און פראקוראטאר — האבען די שוואורריכטער ערקלערט אז די באראווסקא איז אונשולדיג.

אויף דער פראגע, צו זי האט לעוויצקי׳ן ערמאר־דעט, האבען אלע 12 געענטפערט „ניין“ און אויף דער פראגע צו זי האט לעוויצקי׳ן געגעבען א טויט־שלאג האבען 6 געענטפערט „יא“ און 6 „ניין“ און זי איז בע־פרייט געווארען.

דער פראקוראטאר האט אפילו באלד ערקלערט א נישטיגקייטס־בעשווערדע, אבער מ׳רעכענט אז ער האט דאס געטהון צוליעב פארמאליטעטען און ער וועט עס אוודאי היינט־מארגען צוריקציהען און זי וועט נאך דיעזע וואך ארויסגעלאזט ווערען.

# א ריעזען־שטרייק פון בלוזען־ארבייטערינען אין אמעריקא.

מיר זענען שוין פון לאנג געוואוינט צו הערען פון אמעריקאנישע סענזאציעס, וועלכע רופען ארויס דאס שטוינען פון דער גאנצער וועלט. אבער דער איצטיגער שטרייק פון די 80־טויזענד בלוזען־ארבייטערינען, וועלכער ציהט זיך שוין זייט עטליכע וואכען, שטייגט איבער אלע אמעריקאנער סענזאציעס, וואס זענען נאר א מאל פארגעקומען.

די אריגינאליטעט פון׳ם איצטיגען שטרייק בע־שטעהט אין דעם, וואס ער ווערד געפיהרט און אונטער־שטיצט פון די רייכסטע אמעריקאנישע פרויען.

אנגעהויבען האט זיך דער שטרייק בלויז מיט עטליכע טויזענד ארבייטערינען, וועלכע האבען געשטעלט גאנץ פרימיטיווע פארדערונגען. די ערפאלג־אויסזיכטען זענען אפילו געווען גאנץ קנאפע, נאר די ארבייטערינען האבען דעם שטרייק געמוזט אונטערנעהמען, ווייל זיי זענען פון די פאבריקאנטען ראצי געצוואונגען געווארען.

מיט דער צייט אבער, האט דער שטרייק אנגע־נומען אלע מאל שארפערע פארמען, ביז ס׳איז געקומען צו דער איצטיגער מדרגה. ער האט פערלוירען זיין עקאַ־



דר. בנימין זאב באכער נ״י.

נאמישען כאראקטער און האט זיך מעהר געשטאלטעט אין דער פארם פון א פרויען־בעוועגונג.

נישט נאר די סתם־רייכע פרויען בעטייליגען זיך אין דעם זעלטענעם שטרייק, נאר זעלבסט די פרויען אין טעכטער פון די פאבריקאנטען, ביי וועלכע ס׳זענען צו־ליעב דעם שטרייק געשפערט די פאבריקען זענען די אנפיהרערינס און אניטארקעס פונ׳ם שטרייק, א קעגען זייערע מענער אין פאטערס:

די רייכע מיליארדערישע טעכטער, נעהמען ביי זייערע עלטערן טאשענגעלד און שפענדען עס פאר׳ן שטרייק־פאנד און אויב דאס איז ווייניג פערקויפען זיי זייערע קאסטבארע צירונגען און צעטיילען דאס געלד צווישען די שטרייקענדע ארבייטער־מיידלעך.

די אריסטאקראטישע פרויען מאכען גאסען־פער־זאמלונגען און דעמאנסטראציעס פאר׳ן שטרייק און בארנען אויס די שטרייקענדע זייערע אויטאמאבילס, כדי זיי זאלען דורך אויספליגע פערטרייבען די צייט.

די מאטיווען וואס האבען די אמעריקאנישע פרויען געבראכט צו בעטייליגען זיך אין דעם שטרייק זענען צוויי־צווייערליי, ערשטענס, דאס מיטגעפיהל מיט די אר־בייטערינען אלס זעלבע, וועלכע זענען ביז אהער שטארק אויסגענוצט געווארען און צווייטענס, אלס סאלידא־ריטעטס־אויסדרוק מיט זייערע געשלעכטס־גלייכען און זי



א ריעזענשטרייק פון בלוזענארבייטערינען אין אמעריקא: די שטרייקענדע ארבייטערינען מאכען א דעמאנסטראציע אין ניו־יורק.




דער קאמעט האלעי : דער קאמעט און זיין בעוועגונג צווישען די אנדערע קאמעטען.

ווילען דאמיט בעווייזען די מאכט פון דער פרויען-בעוועגונג.

מיר ברענגען אין אונזער היינטיגער נומער א בילד, וועלכעס שטעלט פאר א פערזאמלונג פון די שטרייקענדע ארבייטערינען אין די בילדער פון דער מיליאנערין קאטהארינא מאקיי אין פיל, העלענא טאפט, די טאכטער פונם אמעריקאנישען פרעזידענט, וועלכע זענען די אנפיהרערינס פון דעם סענסאציאנעלען שטרייק.

# דער קאמעט האלעי.

די ערשיינונג פונים נייעם קאמעט, איבער וועלכען מיר האבען יענע וואך געשריעבען, האט פעראינטערעסירט די גאנצע וועלט. די אסטראנאמיע, וועלכע אינטערעסירט נישט געוועהנליך קיין פשוטע נאסען-מענשען, האט אנגעהויבען ניי-גיעריג צו מאכען אלע מענשען און יעדער האלט די אויגען ארויף. טאמיר וועט ער דערזעהן דעם גרויסען שטערן מיטן לאנגען עק, די אסטראנאמען זוערען פערשיט מיט שאלות און איטליכער וויל הערען זייערע ערקלעהרונגען.

דאס דופעלט-אינטערעס פון דער גרויסער הימעל-ערשיינונג, איז די שטאט קיעל, אין דייטשלאנד, ווי ס'געפינט זיך די צענטראל-סטאציע פון אלע אבסערוואטאריען פון דער גאנצער וועלט. יעדע אבסערוואטאריע שיקט אהין איינע איהרע בעאבאכטונגען און פון דעם מאטעריאל, ווערד דארט צוזאמענגעשטעלט דער עפעמעריט, דאס הייסט די אסטראנאמישע טאבעלע, וועלכע ווערד דערנאך צעשיקט אין אלע אבסערוואטאריען און די אסטראנאמען קענען זיך ערשט דעמאלט מאכען א בעגריף וועגען דער נאטירליכער בעדייטונג פון דער הימעלסערשיינונג.

אזא טאבעלע איז נאך לעת עתה פון קיעל נישט ארויסגעגעבען געווארען. און דאריבער זענען די אלע מיינונגען וואס זענען פערשפרייט, נור בלויז-סברות. די טאבעלע פון קיעל, וועט ערשט ארויסגעגעבען ווערען אין עטליכע וואכען. דערוויל לויפען דארט איין יעדען טאג אין די טויזענדער דעפעשען פון אלע עקען אין דער וועלט. די דעפעשען ווערען פון געלעהרטע פראפעסארען גרופירט און זיי וועלען דערנאך אויף גרונד פון די דעפעשען ארויסגעבען די דערמאנטע טאבעלע.

אויסער דער טאבעלע, ווערד א צט געמאכט דער אנאליז, וועלכער דארף קלאר מאכען די יסודות, פון וועלכע דער קאמעט בעשטעהט. דערוויל פערשפרייטען זיך אליך מעה-קלאנגען, און השערות, וועלכע זענען אבער אלע לינעגס און האבען קיין שום וויסענשאפטליכען גרונד, נאכמעהר שרעקען און השערות האבען זיך געמאכט פון דעם, וואס צוזאמען מיט דער ערשיינונג פונ'ם קאמעט, האט אויסגעבראכען די איבערשווענמונג אין פראנקרייך, די שטורמישע רעגענס אין דער שווייץ און אין עטליכע ערטער די ערד ציטערניש. א גרויסע רוסישע צייטונג האט זיך געווענדעט צו עטליכע בעריהמטע אסטראנאמען, ווי זאלען ערקלעהרען, צי דער קאמעט שטעהט אין צוזאמענהאנג מיט די ערוועהנטע קאטאסטראפען. אבער אלע, האבען פה אחד ערקלעהרט, אז איינס צים אנדערן, האט קיין שום שייכות און די ערדציטערנישען האבען א ריין געאלאגישען כאראקטער און דער קאמעט איז נאך געננג וועיט פון דער ערד, אזוי אז מ'ווייסט נאך אפילו נים צי וואס פאר א מין קאמעטען ער געהערט.

אין אונזער היינטיגער נומער ברענגען מיר די איילוסטראציע פון דעם קאמעט, וועלכער האט אנגעארבייט אזא רעש אויף דער וועלט.

# דר. בנימין זאב באכער.

פאר קורצען האט געפייערט דאס 60 יעהריגע יובילעאום איינער פון די בעריהמטעסטע יודישע געלעהרטע דר. בנימין זאב באכער, דער רעקטאר פונ'ם ראבינער-סעמינאר אין בודאפעסט.

דר. באכער איז געבוירען אם 12 יענער 1850 אין מיקלאש (אונגארן) דער פאטער זיינער ר' שמעון באכער איז בעקאנט אין אונזער ליטעראטור, אלס איינער פון די בעסטע יודישע שרייבער אין אונגארן. שוין אין דער יוגענד האט דר. באכער ארויסגעוויזען א זעלטען טאלענט און דער פאטער האט אוים איהם געוואלט מאכען א רב און א חוץ וועלטליכע למודים האט ער זיך אויך אנגעוואפט מיט א סך יודיש וויסען. פיער יאהר איז באכער געזעסען אין פרעסבורג, ווי ער האט אין יאהר 1887 געענדיגט דאס גימנאזיום און האט זיך דאן איינגעשריעבען אויף דער אוניווערזיטעט אין בודאפעסט שוין נאך א יאהר, האט ער זיך איבערגעטראגען קיין ברעסלוי ווי ער האט אויך בעזוכט דאס ראבינערסעמינאר און אין יאהר 1870 איז ער פראמאווירט געווארען אלס דאקטאר פילאזאפיע אין לייפציג און אין יאהר 1876 האט ער אויך בעקומען אין ברעסלוי די התרת הוראה אויף ראבינער.

ווען ער האט געענדיגט זיין שטודיום, איז ער אין סעגעדין אויפגענומען געווארען אלס ראבינער, ווי ער איז א גאנץ יאהר געזעסען און אין א יאהר שפעטער, ווען ס'איז געעפענט געווארען דאס ראבינער-סעמינאריום אין בודאפעסט, איז ער בערופען געווארען אלס פראפעסאר אהין, ווי ער ווירקט עד היום.

אין יאהר 1879 האט ער חתונה געהאט אבער שוין אין יאהר 1885 איז די פרוי געשטארבען איבערלאזענדיג איהם איין זוהן. שפעטער האט באכער נאך א מאל חתונה געהאט.

אבער באכער איז נישט נאר רעקטאר פון דער בודאפעסטער ראבינער-סעמינאר, ער איז אויך א גרויסער געלעהרטער און איז מחבר פון אסך ספרים פון וועלכע מיר ערוועהנען: „די אגדה פון די באבילאנישע אמוראים" „די אגדה פון די תנאים" „ניצאמים לעבען אין שריפטען" „אפאריזמען" „אבן עזרא" „יהודת המדקדק" „העברעאישע און אראבישע שפראכפערגלייכונג" „יונה בן גנאח" „שמואל בן העני" „בנימין בן יהודה" און אנדערע.

צו זיין זעכציגסטען יובילעאום, האבען איהם זיינע שילער און די גרעסטע געלעהרטע פון דער גאנצער וועלט געשיקט בעגריסונגען און אנגעטהון איהם גרויס כבוד.

מיר ווינשען דעם יובילאר נאך אריכת ימים און ער זאל נאך אסך אסך יאהרען ארבייטען צום כבוד פון יודישען פאלק.

# די שרפה אין טירקישען פארלאמענט.

די סבות פון דער שרפה אין דעם טירקישען פארלאמענט, וואס איז יענע וואך געווען אין קאנסטאנטינאפאל, זענען טאקי — ווי עס האט זיך ארויסגעוויזען — פאליטיש. די רעאקציאנערען האבען אונטערגעצונדען דעם פאלאסט כדי אויף דעם אופן זיך נוקם צו זיין אין די יונגטערקען און צו שוואכען זייער מעמד. און נאך גרעסער איז די עגמת-נפש אין פאליטישע קרייזען דאריבער וואס ס'זענען פערברענט געווארען אסך וויכטיגע דאקומענטע.

אחוץ דעם וועט די טירקישע רעגירונג איצט קומען אין א פינאנסיעלער קריזע, ווייל דער שאדען פון דער שרפה בעטרעפט פיעל מיליאנען און די געביידע איז נישט געווען אסעקורירט.

דאס בילד וואס מיר ברענגען אין דער היינטיגער נומער, שטעלט פאר דאס טהראן-זאאל פון דעם טירקישען פארלאמענט, וועלכער איז אין גאנצען חרוב געווארען.

